**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב
הערות פון די לייענער

# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

מִשְׁכוּ וּקְחוּ לָכֶם צֹאן
לְמִשְׁפְּחֹתֵיכֶם, וְשַׁחֲטוּ הַפָּסַח.

בעזרת השי"ת ▪ פרשת בא תש"פ ▪ גליון סה'

# זענען מיר "אידן"
# אדער בירגער פון די לאנד וואו מיר וואוינען?

### די געוואלדיגע מוסר השכל וואס מיר לערנען זיך ארויס פון די "מצוה פון קרבן פסח"...

**פרשת בא**: אין די וואכענדיגע סדרה, געפונען מיר דריי גרויסע ענינים וואס זענען געזאגט געווארן איינע נאכן צווייטן- מכת בכורות, מצות קידוש החודש, ועל כולם דער גרויסע מצוה פון נעמען א שעפעלע אינעם צענטן טאג פון חודש ניסן און דאס שחט'ן בפני כל עם.

**לערנענדיג די פסוקים**, זעהען מיר אז די דריי מצות האבן עפעס א שייכות, אבער וואס גענוי ווייסן מיר נישט. ווען מיר קוקן אריין אין מדרש און לערנען אדורך די עומק הדברים וואס פונקטליך דא האט פאסירט, באקומען מיר א טיפערע בליק וואס דער מצב פון אידישקייט איז דעמאלטס געווען און פארוואס די אידן זענען באפוילן געווארן מיט די מצות. ואולי עי"ז, וועלן מיר זיך מתבונן זיין בזמנינו אלה אינעם פראגע "ווער זענען מיר? זענען מיר "אידן" אדער בירגער פון די לאנד וואו מיר וואוינען?"

לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ, פון יציאת מצרים קענען מיר זיך לערנען יעדן טאג!

## לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְכָל זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם, מִשְׁכוּ וּקְחוּ לָכֶם צֹאן לְמִשְׁפְּחֹתֵיכֶם, וְשַׁחֲטוּ הַפָּסַח.** (שמות יב, כא)

זייענדיג אין מצרים, באפעלט משה רבינו פאר כלל ישראל אז יעדע איד זאל נעמען א שעפעלע פאר א קרבן פסח, יעדער באזונדער פאר זיין משפחה, אזוי ווי דער אייבערשטער האט באפוילן....

לכאורה, דארף מען פארשטיין. משה רבינו זאגט דאך א גאנצע צייט פאר פרעה "**נֵלֲכָה נָּא דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים בַּמִּדְבָּר וְנִזְבְּחָה לַה' אֱלֹקֵינוּ.** (שמות ה' ג) מיר דארפן ארויסגיין אין מדבר צו שחט'ן קרבנות, מיר קענען נישט טוהן אונזער עבודה דא אין מצרים." וואס איז יעצט געשעהן ביי די קרבן פסח אז מען קען שוין יא מקריב זיין קרבנות פארן אייבערשטן **אין** מצרים?

**מִשְׁכוּ וּקְחוּ לָכֶם צֹאן:** זאגט די מדרש: כלומר משכו ידיכם מעבודת כוכבים. **משכו** איז א לשון פון זיך אוועקציען, "ציהט אייך אוועק פון די ע"ז. לייקנט אין די ע"ז." ווי אזוי? דורך **וקחו לכם צאן!** דארף מען לכאורה פארשטיין, פארוואס דוקא דורך די שעפעלע? וואס איז אזוי ספעציעל מיט די שעפעלע? און פארוואס דוקא יעצטביים סוף פון די מכות, ווען מען גייט שוין אט אט ארויס איז אזוי וויכטיג צו טוהן די מצוה?

### דער שעפעלע אין מצרים...

וואס האט געמיינט א שעפעלע אין מצרים?

א שעפעלע אין מצרים האט געמיינט א אפ-גאט. ווען מען האט געזעהן א פאראדע מיט מענטשן גייען מיט די גאנצע ערנסקייט, מען שטופט זיך אנצוקומען צו דער הויפט, האט מען געוואוסט אז דער הויפט איז נישט מער און נישט ווייניגער ווי הרב שעפעלע.

**פארוואס פונקט דער שעפעלע?** די מנהג פון די מצריים איז געווען צו ציילן די חדשים לויט די גרויסקייט פון די לבנה. ווען די לבנה איז געווארן גרויס, איז געווארן ראש חודש. (אנדערשט ווי מיר, וואס ציילן די מולד הלבנה ווען די לבנה איז נאך זייער קליין און זי ווערט הערשט דעמאלטס געבוירן.) דאס מיינט, אז די "צענטע טאג" פון אונזער חודש איז געווארן ראש חודש פאר די מצריים!

די ערשטע חודש וואס זיי האבן אנגעהויבן ציילן זייערע חדשים איז געווען "ניסן". פון חודש ניסן, האט זיך אנגעהויבן זייער חשבון פון 12 חדשים. און וויבאלד זיי האבן אנגעהויבן ציילן זייערע חדשים פון חודש ניסן, האבן זיי געמאכט די גאנצע חודש פאר א יו"ט. זיי האבן צוגעמאכט די געשעפטן, די ארבעטערס זענען אהיים און קיינער האט נישט געדארפט ארבעטן די גאנצע חודש כדי יעדער זאל זיך קענען פרייען אין זייער נארישע יום טוב. די טיפשות גייט נאך ווייטער אז וויבאלד די חודש איז די ערשטע און די הויפט פון אלע חדשים, מוז זיין אז די מזל וואס איז דעמאלטס שולט, די טלה, איז אויך די הויפט. נו, אז די טלה איז דער הויפט, מוז ער דאך זיין אן אפ-גאט! אזוי האבן די מצריים אנגעהויבן מקריב זיין קרבנות פאר די מזל "טלה".

די משוגעת איז געגאנגען נאך ווייטער אז נישט נאר די מזל איז דער אפ-גאט, נאר אויך בדומה לו, א לעבעדיגן "טלה" וואס איז דומה צום מזל, איז אויך געווארן אן אפ-גאט! און אזוי האבן אלע מצריים אנגעהויבן זיך בוקן און קניען צום שעפעלע.



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פארבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

אויב דאס איז נישט גענוג, האבן זיי מחליט געווען אז היות די חודש איז דאך זייער אפ-גאט'ס יום טוב, דארף מען געבן די געלעגנהייט פארן גאנצן פאלק זיך צו קענען טרעפן מיטן גרויסן בהמה הרב שעפעלע.

האבן די מצרים גענומען די שעפעלער און עס ארום געפירט פון שטאט צו שטאט, דער עולם זאל זיך קענען טרעפן מיט די אפ-גאט. ווי נאר מען האט אנגעהויבן פירן דעם שעפעלע, האבן די נארישע מצרים זיך צאמגעזאמעלט און אנגעהויבן נאכגיין די שעפעלע מיט א גרויסע פאראדע. בשעת'ן גיין האבן זיי כסדר מקריב געווען אלע מיני קטורת וואס שמעקט זייער שטארק, פארן כבוד פון די נארישע בהמה.

נו, אויב דער בהמה איז דער אפ-גאט, דארף מען דאך אכטונג געבן אויף דעם. (זייערע אפגעטער קענען זיך נישט אליין קעיר נעמען.) דערפאר, האבן די מצרים נישט געגעסן קיין בהמה פלייש, כדי מען זאל נישט צוקומען צו ח"ו פוגע זיין אדער שחט'ן קיין שום שעפעלע.[א]

• • •

## די בכורים...

בשעת דער שעפעלע איז ארומגעגאנגען אין די גאסן פון מצרים אין חודש ניסן, האט יעדער פרובירט אנקומען נאנט צום שעפעלע און עס אנרירן. ווער עס האט געהאט די "זכייה" אנצורירן דעם שעפעלע, האט זיך געשפירט שמייליג. אבער נישט יעדעם האבן זיי צוגעלאזט, די זכייה האט מען נאר צוגעטיילט געווארן פאר די עלטסטע פון די משפחה: די בכורים.

מען האט זיי אויסגעלערנט ווי אזוי צו "דינען" די אפ-גאט און אזוי זענען זיי אויך געווארן שמייליג. די מצרים האבן געהאלטן אז א בכור איז ווי א גלח, א כומר, און מען האט אים געהאלטן חשוב און טייער. דער אייגענע טאטע האט מכבד געווען זיין זוהן, דעם בכור און געקושט זיינע הענט.

אזוי איינגערעדט זענען זיי געווען אז די בכור איז הייליג אז אויב א בכור אין די משפחה איז געשטארבן, האט מען אויסגעשניצט א גרויסן בילד פונעם געשטארבענעם אין דאס אויפגעהאנגען אין שטוב, זיך צו טרייסטן יעדעס מאל וואס מען זעהט אים. (ילקוט מעם לועז עה"פ ויקם פרעה יב ל)

אן אינטערעסאנטער ענין ווערט געברענגט אין מהר"ל[ב], פארוואס האבן די מצריים געדינט און געהאלטן שמייליג יעדע כח וואס איז געווען אן ערשטע? איז דער מהר"ל מסביר: וויבאלד די מצריים ווערן אנגערופן מיטן נאמען "חמור" (דכתיב **אשר בשר חמורים בשרם.** יחזקאל כג, כ) וואס איז פון די לשון "חומר". און פונקט ווי דעם "חומר" איז ערשט און דערנאך קומט די צורה, אזוי אויך די מצריים **הדומה לחמור**, דינען צו אלעס וואס איז ערשט. **וכל מדרגתם חמרי, והחומר הוא ראשון.**

דערפאר האבן די מצרים תולה געווען זייער כוחות אין די בכורים, וואס זענען די ערשטע און געמאכט ניסן פאר א יום טוב, ווייל די טלה איז די ערשטע מזל, די ערשטע פון די 12 מזלות[ג].

## די אידן אין מצרים...

דער מדרש[ד] פארציילט אונז: די אידן אין מצרים, נאכן זיין דארט אזוי לאנג און זעענדיג כסדר ווי טויזענטער מענטשן זענען מחשיב א דומם אדער א חי, האט זיך עס ביי זיי אויך אריינגעכאפט, און זיי האבן ליידער אנגעהויבן גלייבן אין די אלע סארטן אפ-געטער.

צוביסלעך האבן די אידן אנגעהויבן דינען צו די אלע עבודה זרות פון די מצריים. ווי מער זיי האבן דאס אנגעהויבן דינען, אלץ מער האט זיך איינגעגעסן די קרענק ביי זיי, ביז זיי האבן דאס שוין נישט געקענט אפלאזן. [ווי דער פסוק זאגט: **וַיַּמְרוּ בִי וְלֹא אָבוּ לִשְׁמֹעַ אֵלַי אִישׁ אֶת שִׁקּוּצֵי עֵינֵיהֶם לֹא הִשְׁלִיכוּ וְאֶת גִּלּוּלֵי מִצְרַיִם לֹא עָזָבוּ.** (יחזקאל כ, ח)] זיי האבן זיך אזוי צוגעוואוינט אז אפי' ווען זיי האבן שוין אנגעהויבן זעהן אז די מצב טויג נישט, האבן זיי זיך נישט געקענט אוועקרייסן פון דעם.

• • •

דער געטרייע מנהיג משה רבינו האט געזעהן דעם חורבן און פרובירט זיי כסדר אויסלערנען, מדריך זיין און אנווייזן דעם ריכטיגן וועג. אבער ווי דער פסוק זאגט: וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה... (שמות ו, ט)

דהיינו: די אידן האבן אזוי שווער געארבעט אז זיי האבן נישט געהאט קיין רגע צייט זיך אפשטעלן און מתבונן זיין אין די ווערטער פון משה.

**וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים וַיְעַנּוּנוּ וַיִּתְּנוּ עָלֵינוּ עֲבֹדָה קָשָׁה.** (דברים כו' ו')
זאגט דער של"ה הק': פרעה איז געווען א חכם וויאזוי שלעכט צו טוהן פאר די אידן. ער האט געוואוסט אז די תיקון און די גאולה פון כלל ישראל ווענדט זיך נאר אין זייער תשובה, האט ער געטוהן אלע סארט פעולות מונע צו זיין די אידן פון תשובה טוהן. ער האט זיי געמאכט ארבעטן ווי מער און נישט געלאזט טראכטן אפי' א מינוט, כדי זיי זאלן זינדיגן ווי מער... אזוי וועט זייער גאולה זיך אפשטופן... **וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים**, מיט דעם וואס ער האט אונז געמאכט פאר שלעכטע און זינדיגע מענטשן.

## די משיכה צו די ע"ז און די דביקות אין דעם, האט גורם געווען אן עקסטערן אריכת הגלות...

---

[א] הובא בילקוט מעם לועז טעם המצוה של קרבן פסח

[ב] מהר"ל בספרו גבורות ה' פל"ז

[ג] יש 12 מזלות, שהם 12 קבוצות כוכבים הקבועים בגלגל הרקיע. וזה סדרן: טלה. שור. תאומים. סרטן. אריה. בתולה. מאזנים. עקרב. קשת. גדי. דלי. דגים.

וגלגל החמה [גלגל הרקיע שבו קבועה החמה], עגול הוא, חציו נראה מעל הקרקע וחציו מתחת הקרקע. נמצא שתמיד ששה מזלות נראים מעל הקרקע, וששה אינם נראים כי הם מתחת לקרקע. בכל יום ויום עולים כל המזלות מעל הקרקע על פני רקיע השמים, ששה מהם עולים ביום, וששה בלילה [העולים ביום אינם נראים לעינינו מחמת אור החמה]. כל מזל שוהה מתחילת עלייתו [מעל הקרקע] ועד סוף עלייתו מעט יותר משעתיים. **מזל ניסן הוא טלה, מפני שבתחילת הבוקר בניסן עולה מזל טלה. ומזל אייר הוא שור - מפני שבתחילת הבוקר באייר עולה מזל שור. וכן סדר כל המזלות.** (ע"פ מפורשי הש"ס ר"ה יא:).

[ד] שמות רבה פט"ז ב, **מִשְׁכוּ וּקְחוּ לָכֶם צֹאן:**

דער רמב"ן שרייבט אין פרשת בא: **שנתארך להם זמן הגלות ל' שנים.** חוץ פון די גזירה **וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה** (בראשית טו' יג), זענען די אידן געווען אין מצרים נאך 30 יאר. די אידן זענען הערשט ארויסגעגאנגען פון מצרים 430 יאר נאך ברית בין הבתרים. פארוואס? זאגט די רמב"ן: **לפי שגרם החטא להתארך גלותם**, זייערע חטאים האבן גורם געווען אז דער גאולה זאל זיך אפשטופן נאך 30 יאר. [ווי דער פסוק זאגט: **וַיַּמְרוּ בִי וְלֹא אָבוּ לִשְׁמֹעַ אֵלַי אִישׁ אֶת שִׁקּוּצֵי עֵינֵיהֶם לֹא הִשְׁלִיכוּ וְאֶת גִּלּוּלֵי מִצְרַיִם לֹא עָזָבוּ.** (יחזקאל כ, ח)]

די אידן זענען געווען אזוי מושקע, אז א דריטל פון כלל ישראל האט שוין בכלל נישט געוואלט ארויסגיין פון מצרים. ווי דער גמרא זאגט אין סנהדרין: **שלא יצאו אלא ב' מס' רבוא.** (קיא) די איבריגע אידן זענען געשטארבן אין די 3 טעג פון מכת חושך.

## לאמיר זיך מתבונן זיין...

לכאו' ווערט דאך שווער אויפן הארץ, ווי אזוי קען זיין אז אזא הייליג פאלק, בני אברהם יצחק ויעקב, זאלן אנקומען צו אזא שפל המצב אז מען וויל שוין נישט ארויסגיין פון מצרים? מען ליידט דארט צרות צרורות, מען איז פארשקלאפט און פארפיינטעט און מען וויל נישט ארויס?

שטייט אין ספה"ק דברי יואל (פרשת וארא[ה]): דאס אלעס איז געווען צוליב דער גרויסע התגברות הטומאה וואס האט געהערשט אויף די אידן, צוזאמען מיט דעם וואס זיי האבן נישט געהאט די צייט און מוח זיך מתבונן צו זיין ווי טיף אין די טומאה זיי זענען. דער מדרש זאגט (ילקוט רמז רל"ד): דער אייבערשטער האט געזאגט פאר די ס"מ: **שלא עבדו ישראל לע"ז, אלא מתוך שעבוד וטירוף הדעת שגרמו להם המצרים**, נאר ווייל דעם איד'ס קאפ איז נישט דא געווען און ער איז געווען אזוי "ביזי" א גאנצע צייט. מען האט אים געמאכט ארבעטן שווער א גאנצע צייט, נאר כדי ער זאל נישט קענען דאווענען, ער זאל נישט קענען טראכטן, ער זאל זיך נישט קענען מתבונן זיין אפ' קיין איין רגע אין זיין מצב, און ער זאל נישט קענען געבן אן אמת'ע קרעכץ פארן רבוש"ע.

**וואלטן זיי געהאט נאר איין רגע פון התבוננות,**
**וואלטן זיי זיך יא צוגעהערט צו משה רבינו!**

שטייט ווייטער אין דברי יואל: די נביא זאגט **וְאֶת גִּלּוּלֵי מִצְרַיִם לֹא עָזָבוּ.** הגם די נסיון דא איז געווען דאס אפשיידן פון די ע"ז, וואס דאס איז געווען די שטערקסטע קליפה אין מצרים, איז אבער נאך אלץ אמת אז **שלא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה**, צוליב די שווערע ארבעט און יאגעניש. (ונמצא כי שני טעמים אחד הן והא בהא תליין). די גרויסע נסיון, בצירוף מיטן נישט האבן קיין ישוב הדעת, האט געמאכט שווער זיך אפצושאקלען פון די ע"ז.

ווייל אפי' פאר די אידן איז באמת געווען שווער דאס אפשיידן פונעם ע"ז, איז אבער פאר משה רבינו, די רבי פון כלל ישראל, נישט געווען שווער. **ולבו כלב הארי ללחום עם יצרו שיתגבר עליו**, ער איז כסדר געקומען און פרובירט אויסלערנען פאר די אידן וויאזוי מען שאקלט זיך אפ פון די אלע שלעכטע מדות און וויאזוי מען קריכט ארויס פון דעם גאנצן ענין פון ע"ז. אויב וואלטן די אידן געהאט נאר אביסל צייט אדער אפי' אביסל א קלארערע מח, וואלטן זיי זיך מתבונן געווען אין די דברי תוכחה וואס משה האט געזאגט און עס וואלט "נישט געווען אזוי שווער" זיך אפצושאקלן פון די ע"ז און ארויסגיין פון דעם.

**ווייל יעדע איד וויל דעם אמת און זוכה דעם אמת, און ווען ער לערנט דעם אמת און ער איז זיך מתבונן אינעם אמת, קען ער אפי' פון די שווערסטע מצבים ארויסגיין!**

דאס אלעס איז געווען ביז די מכות, אבער איינמאל די מכות האבן זיך אנגעפאנגען ונתפרדה חבולת נוגשים ושוטרים, האבן די אידן צוביסלעך אויפגעהערט ארבעטן[ו] און אנגעהויבן כאפן מער און מער ווי זיי שטייען...

הערשט יעצט פאר די לעצטע מכה, ווען די אידן ארבעטן שוין נישט עטליכע חדשים, (פון ווען די מכות האבן זיך אנגעהויבן,) און די אפ-געטער פון מצרים האבן שוין געכאפט מכות פון אלע זייטן, יעצט זאגט דער אייבערשטער פאר משה...

## עס איז געקומען די צייט ארויסצוגיין!

יעצט אז די אידן קענען שוין הערן, יעצט אז די אידן האבן שוין געזעהן ווי די אפ-געטער פון די מצרים זענען גארנישט ווערד... זאגט דער אייבערשטער פאר משה, "גיי זאג פאר די אידן: איך וויל זיי זאלן זיך אפלאזן פון די שטותים. אבער נישט סתם אפלאזן, נאר ממש אפלייקענען אין די עבודה זרות. אלעס ארום וועל איך שוין טוהן, אבער איין זאך דארפן די אידן טוהן: שחט'ן די ע"ז! **משכו וקחו לכם, משכו ידיכם מעבודת כוכבים, משכו** -ציהט אייך אוועק פון די ע"ז און לייקענט אין די ע"ז. ווי אזוי? דורך **וּקְחוּ לָכֶם צֹאן לְמִשְׁפְּחֹתֵיכֶם, וְשַׁחֲטוּ הַפָּסַח.** נעמט די שאף און שחט זיי אפ (שמות יב כא). און דאן וועלן זיי ווערן אויסגעלייזט ביד רמה!"

זאגט די מדרש: **בשעה שאמר הקדוש ברוך הוא למשה לשחוט הפסח**, האט משה האט געזאגט פארן אייבערשטען "רבון העולמים, הדבר הזה האיך אני יכול לעשות? ווי אזוי קען איך טוהן אזא זאך? צו ווייסטו דען נישט אז די שאף זענען פון די אפ-געטער פון די מצריים! [שנאמר הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו. (שמות ח, כב)] דאס איז דאך די ערגסטע זאך וואס מען קען טוהן צו די מצריים, טשעפענען זייערע שעפעלעך?! דו ווילסט נאך אז מיר זאלן נעמען זייער גלויבן און אפשחט'ן פאר זייערע אויגן!"

זאגט דער אייבערשטער פאר משה, "איך שווער דיר, אז די אידן וועלן נישט ארויסגיין פון דא ביז זיי וועלן שחט'ן די אפ-גאט פון די מצריים. און טאקע פאר זייערע אויגן, צו ווייזן פאר יעדעם אז זייערע אפ-געטער זענען גארנישט!"

---

[ה] כל זה הובא שם עה"פ וידבר אלקים אל משה אני ה' בא"ד

[ו] עי' באוהה"ק פרשת וארא עה"פ והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים.

די ספרים הק' זענען מסביר: דער אייבערשטער האט דייקא געוואלט א מעשה פון מסירת נפש, די אידן זאלן טוהן א גרויסע זאך, ווייל נאר אזוי וועט די שטותים פון מצרים ארויסגיין פון זיי. עס איז נישט גענוג אז זיי גלייבן אינעם באשעפער, עס דארף זיין א מעשה פון מסירת נפש, פון אפשחט'ן דעם אפ-גאט בעיני המצריים.

**דַּבְּרוּ אֶל כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר בֶּעָשֹׂר לַחֹדֶשׁ הַזֶּה וְיִקְחוּ לָהֶם אִישׁ שֶׂה לְבֵית אָבֹת שֶׂה לַבָּיִת.** (יב, ג)

דערפאר האט דער אייבערשטער געהייסן דוקא אין די צייט פון ניסן, זייער שמייליגע יום טוב, זאל מען קויפן א שעפעלע און דוקא אין די טאג פון י' ניסן, זייער ראש חודש, זאל יעדע איד זיך שלעפן מיט א שעפעלע אין די גאסן פון מצרים און צובינדן צום בעט פאר פיר טעג. אזוי וועלן די מצרים זעהן זייער קלאר וואס מען גייט דא טוהן און דער איד וועט ענטפערן מיט די גאנצע אמונה, "יא, מיר גייען דאס שחט'ן, מיר גלייבן נישט מער אין קיין איינע פון אייערע אפ-געטער, **אין עוד מלבדו**, מיר טוהן נאר וואס דער הייליגע באשעפער הייסט!"

די מצריים האבן זיך געביזערט, געשריגן און גארנישט געקענט טוהן אויסער קריצן מיט די ציין און בייסן די ליפן. דערפאר, הייסט די שבת פאר פסח "שבת הגדול", אלץ זכר צו די נס וואס דער אייבערשטער האט געטוהן מיט אונז, אז די מצריים האבן אונז דעמאלטס נישט געקענט שעדיגן, וואס ע"פ דרך הטבע וואלט מען געדארפט צורייסן יעדן איד וואס מען זעהט דאס טוהן. (טור או"ח סי' ת"ל)

**ליל פסח, האבן טויזענטער אידן אויסגערופן "אין עוד מלבדו", געשחט'ן און געבראטן די קרבן פסח אז עס האט אריינגעשמעקט אין די נאז פון די מצריים.**

זאגן די מפרשים: דער שחיטת הפסח איז געווען אזוי שווער פאר די מצריים, אז דער מכה איז געווען פאר זיי אסאך שווערער ווי אלע אנדערע מכות, זעענדיג ווי מען שחט און מען בראט זייער לאנג-יעריגן אפ-גאט.

אין די זעלבע צייט וואס זייער גרויסע אפ-גאט האט געברענט און געבראטן, זענען אויך אפגעשטארבן די גרויסע כומרים, די גלחים זייערע, די בכורים. אנשטאט קישן זייערע הענט, האבן זיי געטראגן די פגרים פון די בכורים צום קבורה. (שמו"ר פט"ז ב)

זאגט דער ילקוט מעם לועז: (און אזוי אויך זאגט דער מהר"ל באריכות.) בשעת דער אייבערשטער האט געשלאגן די בכורים, האט ער געשלאגן נישט נאר די לעבעדיגע, נאר אויך די טויטע. (די מתים וואס מען האט פארשמירט און אוועק געלייגט און די בילדער אויף די ווענט.) **ובכל אלהי מצרים אעשה שפטים**, פונקט ווי ער האט געשלאגן אלע עבודה זרות, האט ער אויך געשלאגן אלע בכורים, **כי כח מצרים היה כח בכורות**. דאס זאגט די פסוק: **כִּי אֵין בַּיִת אֲשֶׁר אֵין שָׁם מֵת** (יב ל). אויך די מתים, די בכורים און די ע"ז זענען געשלאגן געווארן.

## קידוש החודש- קרבן פסח- מכות בכורות

מיט דעם קענען מיר פארשטיין די שייכות, פארוואס שטייט אלע דריי מצות אויף איין מאל אין די פרשה (פרק יב' פסוק ב') **קידוש החודש- קרבן פסח- מכות בכורות**, ווייל די אלע דריי האבן איין שייכות! אלע דריי זענען געקומען מבטל זיין די פאלשע גלויבן פון די מצריים.

אזוי אויך' פארשטייען מיר שוין פארוואס די קרבן פסח האט מען יא געקענט מקריב זיין אין מצרים און דאס האט נישט געדארפט זיין אין די מדבר, ווי משה'ס בקשה צו פרעה, ווייל פונקט די קרבן דארף טאקע נאר זיין אין מצרים לעיני המצריים. אין מדבר וואלט די קרבן נישט געהאט די זעלבע חשיבות!

**ובכל אלקיהם אעשה שפטים**:

אלע אפ-געטער פון די מצריים זענען געווארן אויס. די אפ-געטער פון גאלד און זילבער זענען צוגאנגען, די אפ-געטער פון שטיין- צובראכן געווארן, די אפ-געטער פון ערד-צושטיקלט געווארן, און די אפ-געטער פון האלץ -פארפוילט געווארן ווי שטויב און יעצט די טלה איז אויך געשחט'ן געווארן... (שמות רבה טו, טו)

דאס מיינט א גאנצע יציאת מצרים! ווען די מצריש'קייט גייט ארויס פונעם איד, ער וועקט זיך אויף פונעם שקר אוןווארפט דאס אוועק! דאמאלטס קען ער זוכן דעם אמת און איז בוחר בטוב... און דעמאלטס קען קומען די גאולה שלימה!

## צידה לדרך

פארוואס רופט מען די שבת פאר פסח מיט די נאמען "**שבת הגדול**"? די נס האט דאך נישט דוקא מיט שבת? ענדערש וואלט מען געדארפט מאכן די טאג פון **י' ניסן** פאר א יום גדול, ווייל דעמאלטס האט זיך דער נס אנגעפאנגען! (בית יוסף סימן ת"ל)

זאגט דער ילקוט מעם לועז (טעם הרביעי): די שבת איז געווען די ערשטע שבת וואס די אידן האבן אנגעהויבן מקיים זיין די מצוות. אפי' זיי האבן געהיטן שבת במשך די 210 יאר, האבן זיי גארנישט געהאט פון דעם ביז יעצט, ווייל זיי האבן געדינט עבודה זרה.

שבת צייגט אויף אחדות הבורא און אזוי ווי זיי האבן דאך געדינט עבו"ז, איז עס געווען א בחינה פון טובל ושרץ בידו. משא"כ, דעם שבת הגדול, וואס די אידן האבן גענומען די שעפעלע און צוגעבינדן צום בעט, געלייקנט אין די עבודה זרה און ענדליך אויסגערופן דעם אין עוד מלבדו, האבן זיי געוויזן פאר די מצריים אז "ה' אחד ושמו אחד".

דער שבת איז געווען די ערשטע שבת וואס זיי האבן געהאט א שבת מיט א טעם. דערפאר, הייסט דאס שבת הגדול ווייל די שבת איז געווען אסאך חשוב'ער פון אלע שבתים ביז יעצט.

מוסר השכל תמצא בדף ה'

# מוסר השכל

**זענען מיר "אידן" אדער בירגער פון די לאנד וואו מיר וואוינען?**

ליידער ליידער, זייענדיג אזויפיל יארן בארץ העמים, יעדע לאנד און יעדע פאלק מיט זיין מעטאליטעט, קלעפט זיך דאס צוביסלעך אן אינעם איד, צוביסלעך הייבט ער אן פארגעסן "**מאין באת**", פון וואו איז דער איד געקומען? "**ולאן אתה הולך**", און צו וואו גייט דער איד צוריק...

יעדע לאנד אין יעדע דור, האט זיך זייער אפ-געטער וואס די מענטשן אין די לאנד ווילן און זענען מחשיב, און זענען גרייט פאר דעם צוועק אוועקצוגעבן זייער גאנצע קאפ און מח.

ליידער ליידער, נישט וועלנדיג און נישט וויסנדיג, קלעבט זיך דאס אן אינעם איד. ער זעהט אז יעדער וויל, וויל ער אויך! אומר ועושה, דעם גאנצע קאפ און מוח לייגט מען אריין און מען הייבט אן נאכלויפן די אלע עבודה זרות, מבוקר ועד ערב. מען ווערט אזוי פארנומען, אז מען האט שוין נישט קיין צייט זיך צו מתבונן זיין, מען קען שוין נישט טראכטן גראד... מען האט נישט די סעקונדע צו טראכטן "וואו האלט איך אויף דער וועלט? וויפיל שייכות האב איך מיטן רבוש"ע?"

**טייערע אידן!** מיר זענען נישט קיין מצריים, מיר זענען נישט קיין בבליים, מיר זענען נישט קיין אמעריקאנער און נישט קיין לאנדאנער! מיר זענען בני ציון היקרים, איידעלע אידן בני קל חי, וואס האבן א תפקיד אויף דער וועלט! ס"ה, זענען מיר נאר פארטריבן געווארן פון אונזער הייליג לאנד און איר הייליגע סביבה, אבער דאס מיינט נישט אז מיר דארפן יעצט פארלירן אונזער עכערקייט...

מיר זענען נישט מחשיב און מיר קוקן נישט ארויף אויף דאס וואס דער גוי קוקט ארויף! מיר קוקן ארויף אויף זאכן וואס די תורה און דער שו"ע זענען מחשיב...

**און נאר אזוי וועלן מיר זוכה זיין בקרוב במהרה צו דער גאולה שלימה...**

• • •

**נ.ב.**

געבט א קוק וואס דער משך חכמה שרייבט אין פרשת בחקותי! ער איז מאריך דארט איבער די אידן אין דייטשלאנד (נאך אסאך פריער פון ווען די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען). ער איז מסביר אז די אידן אין דייטשלאנד זענען געווען אזוי באקוועם דארט, אז זיי האבן זיך צוביסלעך צוגעוואוינט צו טראכטן און לעבן דעם מעטאליטעט פונעם דייטש, זיי האבן אנגעהויבן פארגעסן די מסורה פון זייערע עלטערן, טראכטנדיג אז די אלע זאכן זענען נישט פונקט אזוי...

עוד מעט ישוב לאמר שקר נחלו אבותינו, והישראלי בכלל ישכח מחצבתו ויחשב לאזרח רענן, **יעזוב לימודי דתו, ללמוד לשונות לא לו**, יליף מקלקלתא ולא יליף מתקנתא, **יחשוב כי ברלין היא ירושלים**, וכמקולקלים שבהם עשיתם כמתוקנים לא עשיתם, ואל תשמח ישראל אל גיל בעמים....

זאגט דער משך חכמה: וואס טוט דער אייבערשטער אין אזא פאל? וויאזוי וועקט מען אויף דעם איד פון זיין שלאף? ליידער ליידער... **אז יבוא רוח סועה וסער, יעקור אותו מגזעו, יניחהו לגוי מרחוק, אשר לא למד לשונו, ידע כי הוא גר...** דער אייבערשטער וועט מאכן אז דער איד זאל ארויסגיין פון זיין באקוועמליכקייט, עס וועט קומען א שווערע גלות, ער וועט דארפן ארויסגיין פון זיין לאנד און אריין אין גלות...

מען וועט לאזן וויסן דעם איד, "געדענק! דו ביסט נישט קיין **ריכטיגע בירגער דא אין לאנד!**" וכמו שהיה שם רח"ל...

ר' איד, געדענקט! אלע אונזערע צרות קומען ווען מיר זענען מסיח דעת פונעם הייליגן באשעפער, ווען מיר זענען ווייט פונעם בורא כל עולמים... אבער ווען מיר זענען נאנט צום טאטן, איז אונז וואויל און פיין!

**און דאס דארף כסדר זיין אונזער בקשה בכל עת צרה וצרה...**

ווי עס שטייט אינעם הייליגן ספר באר מים חיים (פרשת שמות, עה"פ ג, ז): **כי כן הוא בכל גלות ישראל, ויודעים בטוב אשר כל צרה וצרה שבא אליהם בגלות המר והנמהר**, דער וואס האט שכל, ווייסט אז נאר צוליב די התרחקות נשמותינו מאור פני מלך חיים, זענען מיר דערווייטערט געווארן פון אונזער מקור החיות. דערפאר קומט אונז די אלע צרות...

משא"כ, די קטני השכל שאינם מבינים כל זאת, וויינען און בעטן נאר אויף די יסורי הגלות, די צער און ענגשאפט אין וואס זיי געפונען זיך, ואינם נותנים לב שהכל הוא עבור התרחקנו מבית אבינו.

מיר דארפן האבן שכל און בעטן אויף די עיקר און שורש פון אלע צרות, "טאטע, מיר ווילן צוריק ווערן נאנט צו דיר! אוי לנו שגלינו מעל שלחן אבינו ונפשותינו הרחיקו נדד מאור פניו יתברך." נאר דאס פעלט אונז: וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים. און דאן וועלן אלע צרות אוועקגיין און פאר יעדן איד וועט זיין לעכטיג און וואויל.

ווייל ווען מיר זענען נאנט מיטן אייבערשטען, איז קיין צרות נישט דא!

# מעשה רב

אין א געוויסע שטאט האט אויסגעבראכן א פייער וואס האט פארברענט עטליכע הייזער... נעבן איינע פון די פארברענטע הייזער, איז געשטאנען א איד וואס האט אויסגעשריגן מיט שמחה דעם ברכה "**שלא עשני גוי!**"

זיינע חברים, הערנדיג די ברכה, פרעגן אים מיט וואונדער, "וואו קומט אריין די ברכה דא?"

געבט דער איד צו פארשטיין: אין די הייזער פון די גויים, הענגן זייערע עבודה זרות און זייערע צורות וכדו' אויף די ווענט. ווען זייער הויז האט זיך פארברענט, האט זיך זייער גאט אויך פארברענט! נעבעך, ווער גייט אים יעצט העלפן?...

אבער איך, אפילו מיין שטוב איז פארברענט געווארן עד היסוד, איז מיין גאט א מלך חי וקיים! ער לעבט נאך און ער וועט מיר זיכער העלפן און געבן א פרישע שטוב...

**זאל איך זיך נישט פרייען אז איך בין איד?! ברוך שלא עשני גוי...**

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com